# דער דינאמישער רוקנביין

**ער איז אן אייגנארטיגער כאראקטער** וואס פארקערפערט אין זיך א קאלירפולע רעגנבויגן פון כשרונות. ער איז דינאמיש פון איין זייט און פון די צווייטע זייט גאר פשוט. טראכט פאראויס, אבער איז פראקטיש. א פלאמפייערדיגער געפילישער מענטש אבער טוט צו דער זאך. אין אן אינהאלטסרייכער שמועס מיט **הרב נחמי' האפמאן שליט"א**, דער גרינדער און רוקנביין פון דער בארימטער 'כולל חצות' דעקט ער אויף זיין מאטיוואציע, פארציילט די ערפארונג פון אזא זעלטענע אונטערנעמונג און וויאזוי דאס האט אפעקטירט זיין לעבן און די לעבן פון אסאך משפחות

יואל אדלער



אוי הייליגער רבי שמעון, לעכטיגער רבי שמעון, הערן זיך די קלאנגען אין מיינע זכרונות פון די לעכטיגע טעג אין די מירונ'ער בערג. עס ווירבלט, עס שטורעמט. אינעווייניג יום כיפור, אינדרויסן שמחת תורה. די פויקן און קלארינעט מיטן מירון'ער כאריזמע. די ספרדישע ריטעם טענץ. אה! אשרי מי שראה שמחה זו על קברו פון הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי.

נו, איך מוז מיט איינעם מיטטיילן מיינע געגועים צו רבי שמעון און איך זוך מיינע קאנטאקטס אין מיין טעלעפאן, ווער? אה. איך ווייס ווער. ר' נחמי' האפמאן. ווער דען אויב נישט ער וועט פארשטיין מיין בענקעניש. איך רוף אים אן און מיר זענען זיך פארגאנגען אין א שמועס איבער רבי שמעון אין מירון און וואס נישט. צווישן אנדערע געב איך אים א פרעג, "ר' נחמי', אפשר דערציילסטו מיר אביסל איבער כולל חצות, און איך וועל אלס שרייבער ארויסנעמען מיין נאטיצן ביכל און זיך אפקאטשקענען נקודות וואס קענען מיר צוניץ קומען". איך האב נישט אויסגעזאגט פאר ר' נחמי' אז פאר מיר האט זיך שוין אנגעהויבן וועבן א פולקאמער פלאן אים צו אינטערוויען און ער זאל אביסל דערציילן וועגן זיך פערזענליך פאר די חשוב'ע ליינער פון 'מאָמענט'.

"לאמיר רעדן א צווייטע מאל דערוועגן, עס איז א לענגערע שמועס", איז געקומען דער ענטפער.

איך האב נישט נאכגעלאזט און געמוטשעט אביסל, ביז ר' נחמי' האט מסכים געווען און אביסל אוועקגערוקט די פירהענג און אונז אריינגעלאזט אין זיין פערזענליכע לעבן און געשילדערט זיין ערפארונג. די ערפארונג פון זיין דער רוקן ביין פון א זעלטענע אונטערנעמונג און וויאזוי דאס האט אפעקטירט זיין לעבן און די לעבן פון אסאך משפחות.

ר' נחמי' איז אן אייגנארטיגער כאראקטער. ער פארקערפערט אין זיך א קאלירפולע רעגן בויגן פון כשרונות. ער איז דינאמיש פון איין זייט און פון די צווייטע זייט גאר פשוט, טראכט פאראויס, אבער איז פראקטיש, א פלאמפייערדיגער געפילישער מענטש אבער טוט צו דער זאך.

**ווער איז הרב נחמי' האפפמאן?**

איינער פון די כולל אינגעלייט איז אמאל צוגעקומען צו מיר זאגן אז איך בין א משוגענער. איך בין געווארן צוריק געצויגן און איך האב אויפגעהויבן אפאר אומפארשטענדליכע אויגן אויף אים, זאגט ער מיר, "דער רמב"ם זאגט אז לולי המשוגעים היה העולם שמם, א נארמאלע מענטש וויל לערנען חצות, שטייט ער אויף ביי חצות און זעצט זיך לערנען ביי זיך אין ספרים שטוב, העכסטענס נעמט ער א חברותא אין שטילע בית מדרש'ל ערגעץ וואו אבער מה לך ולצרה הזאת פון עפענען א כולל, באצאלן יונגעלייט, האבן די פרעשור פון א בודזשעט אא"וו?"

**דערציייל אונז, וואס איז דיר טאקע איינגעפאלן צו עפענען כולל חצות?**

די געדאנק פון אויפשטיין ביי חצות האט זיך בעצם ביי מיר אנגעהויבן נאך פון אלס בחור ווען איך האב געלערנט אין ארץ ישראל. איך פלעג צו עסן פרייטאג צו נאכטס די סעודה גאר אפט ביי הגאון הצדיק רבי אביש צענווירטה שליט"א, א איד וואס איז באקאנט צו זיין פון די נקיי הדעת שבירושלים של מעלה. איך האב מורא'דיג הנאה געהאט פון זיין שילוב צווישן קבלה און הלכה. פון איין זייט איז ער א מורא'דיגע בעל מקובל, ער רירט זיך נישט פונעם אר"י הקדוש, אבער ער רירט זיך נישט פון הלכה אויך נישט. אויב שטייט עפעס אין שולחן ערוך וועט ער זיך נישט רירן דערפון. ס'האט געהאט א גרויסע השפעה אויף מיר צו זען אזא שילוב.



ביי חאלאקע פון א זון פון הרב נחמי' האפמאן שליט"א אינאיינעם מיט די לומדי כולל חצות ל"ג בעומר אין מירון

ווען א מענטש ווערט נתחנך פון זיין פריעסטן יוגנט מיטן שולחן ערוך האלט דאס אים אין גלייכגעוויכט א גאנצן לעבן. איך האב געזעהן ביי אנדערע בחורים מיינע חברים אז א בחור פארשטייט נישט אסאך מאל פארוואס איין זאך מעג ער יא און אנדערע זאך נישט. ער קען אנקוקן געוויסע זאכן ווי סתירות, לדוגמא דאס אז ער זעט אז מען איז נישט מקפיד צו דאווענען בעפאר סוף זמן תפילה, און זיין יונגן מח קען אמאל באשליסן אז אויב אזוי מעג ער דאך שוין טון אנדערע זאכן אויך; ווער האט באשלאסן וועלכע הלכה איז יא וויכטיג און וועלכע הלכה נישט, דעריבער מוז א בחור זיך איינגעוואוינען בכל נימי נפשו צו טון ע"פ שולחן ערוך, שפעטער ווען ער האט חתונה און ער האט שוין אביסל מער דעת קען ער אנהויבן פראווענען חסידות.

אז מען רעדט שוין איבער דעם איז אינטערעסאנט אז אין א געוויסע זין, זעט מען אמאל ווען מען פארט אוועק אויף אן ארט וואו עס געפינען זיך דארט אויך אידן פון מער מאדערנע קרייזן ווי אונז וועלכע זענען אין אסאך הינזיכטן אין אידישקייט שוואכער פון אונז, אבער למעשה זעט מען אפט ווי זיי די מאדערנע זענען גאר די וואס גייען ארום יעדן אינדערפרי צוזאמשטעלן א מנין. וואס איז פשט? זענען זיי טאקע מער פרום פון אונז? דער תירוץ איז אז לאו דוקא, אבער זיי ווערן נתחנך פון אלס קינדווייז אן צו פאלגן הלכה אן קיין פשרות. זיי האבן טאקע נישט פארשידענע חומרות, אבער טרוקן הלכה וועלן זיי גיין אין פייער. ביי אונז איז דא אפטמאל א אומקלארקייט איבער וואס איז פריאריטעט נומער איינס און וואס איז צוויי.

עכ"פ צו האבן אזא אייגנארטיגער שילוב איז א זעלטנהייט און דאס האבן איך געזען ביי רבי אביש'ן און דאס האט איבערגעלאזט אויף מיר א טיפע השפעה. אויך איז ער א פרייליכער לוסטיגער איד'ל וואס גלייכט צו רעדן און צו שמועסן, ער איז א ווארעמער איד, און איך האב געקענט נאשן פון אים אסאך.

איינע פון די זאכן וואס ביי אים ברענט א פייער איז דאס אויפשטיין חצות, ער האלט אין איין רעדן דערוועגן, און ער אליינס שטייט אויף יעדן איינציגן נאכט חצות! אסאך מאל רוף איך אים ווען עס איז ביי אים אין ארץ ישראל אכט אדער ניין אזייגער אוונט, אבער עס איז נישטא צו וועמען צו רעדן, ער שלאפט שוין, יעדע נאכט.

נאך א זאך וואס ער קאכט איז לערנען זוהר הקדוש. ער זאגט אייביג אז זוהר איז רוב מדרש. מענטשן מיינען אז זוהר אז א מיסטישע זאך. און בעצם דער אומקלארער בליק גילט אויך אויף די מושג פון תיקון חצות. רוב מענטשן קוקן אן תיקון חצות ווי די בילדער פון די דערציילונגן פון צדיקים... א איד מיט א לאנגע שניי ווייסע בארד זיצט אויפן ערד, די צימער איז חושך ואפילה. עס ברענט א לעכט און ער האלט א צוריסענע סלאוויטע סידור..

אבער רבי אביש האט מיר געפענט דעם קאפ צו זען אז דאס זענען בעצם גאנץ פשוט'ע זאכן וואס יעדער מענטש קען טון. ער האט מיר געזאגט אז אוודאי איז דא דרגות אין תיקון חצות, אבער די פשוט'ע זאכן פון זאגן על נהרות בבל וכו' קען יעדער מענטש זאגן. און די זעלבע זאך האט ער געטון מיט מיר בנוגע זוהר. ער האט דאס געטון אומדירעקט אבער דאס זיך דרייען ארום אים און ◄

הערן אזויפיל פון זוהר, און מיטן זען ווי נאטורליך ער רעדט דערפון. דער אמת איז אז דער וואס לערנט חק ווייסט וואספארא הערליכע זאכן עס שטייט אין זוהר. שיינע מדרשים. מתוק מדבש.

איינמאל אלס בחור בין איך געפארן קיין מירון ל"ג בעומר און איך האב מיר דארט איינגעהאנדעלט א ובלכתך בדרך סעט פון זוהר מיט די פירוש מתוק מדבש פון רבי דניאל פריש זצ"ל און איך האב אנגעהויבן לערנען זוהר. איך האב אנגעהויבן לערנען על הסדר און איך בין געווארן זייער צוגעבינדן דערצו בנפש.

עס איז ידוע וואס דער בעל שם טוב האט געזאגט אז דריי זאכן גילט נישט דער כלל פון אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכון ליבו לשמים, איינס איז גיין אין מקוה, דאס האט א מורא'דיגע כח צו מטהר זיין א מענטש, און מען זאל דוקא ווי מער גיין, די צווייטע זאך איז צדקה, ווייל אפילו דו האסט נישט אינזין געהאט אבער אז דו האלסט אין איין געבן האט דאך דער עני סוף כל סוף הנאה, און דער דריטע זאך איז לימוד הזוהר וואס אויף דעם איז ובלבד שירבה, ווייל די נשמה האט זייער הנאה דערפון. און אזוי, נאכן לערנען זוהר אסאך האט מיר צוביסלעך אנגעהויבן ארייננשיינען די ענין פון אויפשטיין ביי חצות ווייל די גרעסטע זאך אין זוהר הק' איז דאס אויפשטיין לערנען תורה ביי חצות.

**דו פלעגסט אויפשטיין אלס בחור ביי חצות?**

יא, אלס בחור האב איך געלייגט א האנט אויף די שליסלעך פון סטראפקוב'ע שול אין מאה שערים, איך האב נאך היינט די שליסלעך איך ווייס נאר נישט צי עס איז די זעלבע שלאס.. עכ"פ מיין דירה איז געווען אויף די הושע גאס ביי רבי גדלי' סגל, און איך פלעג דאווענען מעריב אין קאמארנא בימה"ד אין גאולה, דארט האט מען געדאוונט יעדן נאכט פונקט ביים זמן ר"ת מעריב, דערנאך פלעג איך גיין שלאפן, און אויפשטיין פונקט ביי חצות. און גיין לערנען אין סטראפקוב און דערנאך ביי וותיקין פלעג איך גיין צום קבר שמעון הצדיק צו דאווענען שחרית.

יעצט, נאך די חתונה, בין איך אריין נארמאל אין כולל ווי יעדע יונגערמאן, אבער דאס לערנען ביי חצות האט מיר געפעלט. עס האט זיך מיר זייער געבענקט. איך פלעג טאקע אויפשטיין ביי חצות און געלערנט אינדערהיים, אבער עס האט נישט געהאט קיין טעם האב איך מיר אפירגעזוכט א חברותא און איך בין געגאנגן לערנען אין היכל התורה אין גרויס בית מדרש אין קרית יואל, אבער דער חברותא האט נישט אנגעהאלטן.

איך האב געהאלטן א יאר און א האלב נאך מיין חתונה דאן. מיין ב"ב שתחי' האט געהאט א גוטע דזשאב, און מיין שווער הרבני הנגיד ר' זלמן לייב קאפפעל הי"ו האט מיר אויך אסאך געהאלפן, איך האב געהאט אביסל געלט אוועקגעלייגט אין סעווינגס. מיין ב"ב שתחי' האט געזען ווי שטארק עס פעלט מיר דער ענין פון חצות האט זי באשלאסן א קוראדזשפולע באשלוס. זי פון איר זייט איז מסכים אז די גאנצע געלט פון אונזער סעיווינגס זאל גיין אויף אויסצוהאלט א פולשטענדיגער כולל ווי יונגעלייט וועלן אויפשטיין און לערנען ביי חצות. און אזוי איז מיין חשבון געווען אז קודם אויף אנצוהייבן האב איך.

איך האב ארייגעלייגט אין די לאקאלע טעגליכע בלעטל אז עס עפנט זיך א כולל חצות און ווער עס וויל זיך איינשרייבן זאל מיך רופן. די מבצר הכוללים אין קרית יואל האט זיך ארויפגעכאפט דערויף אז עס קען ווערן א חלק פון זייער כולל, און אזוי אויך איז געהאנגען אין גרויס בית מדרש אויך א צעטיל דערוועגן אז מען קען זיך איינשרייבן ביי הרב נחמי' האפמאן און מיין סעל נומער. למעשה האב איך געטראפן 14 יונגעלייט. גאר גאר חשובע אינגעלייט. און מיט דעם האט זיך די אדמת אמעריקע באקענט מיט א שפאגל נייע חידוש. הגאון רבי אלי' סימאן ז"ל פלעגט דעמאלטס קומען.

עס איז אינטערעסאנט צו אנמערקן אז ווען א



בשורה חדשה. די מודעה פון מבצר הכוללים

געוויסע חבר הכולל האט זיך געוואלט אנשליסן אין די כולל גלייך ווען עס האט זיך געעפענט מיט צען יאר צוריק האט ער אנגערופן זיין רבי'ן דער פשעווארסקער רבי זאל זיין געזונט און געפרעגט אויב ער זאל דאס טון. דער פשעווארסקער רבי שליט"א האט אים געזאגט: אוודאי זאלסטו עס טון און אים געזאגט אז עס איז אים יעצט פארענטפערט געווארן עפעס וואס ער האט נישט פארשטאנען, נעמליך עס איז באקאנט פון קאלאשיצער רב הי"ד וואס האט נאכגעזאגט פון שינאווא רב זיע בשם זיין טאטן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע אז משיח וועט קומען אין אמעריקע. האט דער רבי געזאגט: איך האב עס קיינמאל נישט פארשטאנען, אבער יעצט אז עס האט זיך געפענט א כולל חצות אין אמעריקע קען איך עס שוין פארשטיין!

דער סאטמארער רבי שליט"א האט גאר הנאה דערפון. אמאל אויפן וועג קיין טעקסאס צו די שחיטה האט ער זיך אפגעשטעלט ביי אונז אויף א באזוך און געקוועלט פון דעם ערהאבענעם בילד ווי עס זיצן איבער א מנין יונגעלייט און מען הארעוועט אין לערנען דורכאויס די נאכט, און אמאל האט ער אפילו פארגעהאלטן אין וויליאמסבורג פארוואס דארט איז נאכנישט דא קיין כולל חצות. איך האב דעמאלטס געזאגט פאר

מענטשן אז איך האב א נדבן, און נישט אז דאס געלט קומט פון מיר, איך האב מורא געהאט אז יונגעלייט וועלן נישט האבן קיין צוטרוי אז עס איז דא פאנדס פון וואו צו באצאלן. בכלל איז דאס געווען א פראבלעם, ווייל אסאך מאל האט מען מורא צו טון זאכן, ווייל מען קוקט דיר אן דו ביסט צו יונג, איז ביז די פערציג ביזטו צו יונג, און נאך די פערציג ביזטו צו אלט איז ווען ביזטו ערלויבט צו אויפטון זאכן?..

**אן אמת'ע נקודה.**

יעצט, ווען די ערשטע זמן האט זיך געענדיגט האב איך נישט געוואוסט וואס וועט זיין ווייטער. איך בין שוין געווען אויסגעליידיגט פון מיין גאנצע סעווינגס. קיין האני-מאן בין איך נישט געפארן. מיין מוטער שתחי' האט מיר דעמאלטס געזאגט וואס זוכסטו דיך צרות, ביסט א יונגערמאן, ביסט 21 יאר אלט, וואס זוכסטו דיך איבעריגע פרעשור און חובות אא"וו?.. אבער איך בין ווי מען זאגט א שטארקער כאראקטער און איך בין געווען אנטשלאסן דאס צו מאכן ארבעטן. איך האב אמאל געליינט א בוך פון די תולדות פון רבי אשר פריינד זי"ע ברענגט ער דארט בשמו א מימרא אז מנהלי המוסדות האבן די גרעסטע נסיונות אין מידת הביטחון. די הסבר דערפון איז ווייל למשל א ביזנעס, אויב עס מאכט נישט קיין געלט שפארט מען עס צו, אבער א מוסד קענסטו נישט סתם צו שפארן. כלל ישראל דארף עס האבן. און איך האב דאס באשיינפערליך געשפירט. גאר שטארק. וויאזוי קען מען זאגן פאר כולל חצות פשוט און פראסט 'פארמאך עס'? כולל חצות זענען דאך די שומרים פון שטאט, תורה מגנא ומצלא! מען קען דאס נישט אפשפארן. איך געדענק ווי המשפיע רבי צבי מאיר זילבערבערג שליט"א האט אמאל געזאגט מיט א פלאם פייער ביי א דרשה פאר די חברי הכולל: ענק הייליגע חברי הכולל זענען די שלוחים פון כלל ישראל צו לערנען ביי חצות הלילה! און על פי האמת אז דו קוקסט אן דער כולל נאכן עטליכע יאר זיין אין עקזיסטענץ זעסטו הערליכע פירות וואס זענען ארויסגעקומען פון אונזער כולל, דער איז געווארן א רב, דער א מורי הוראה, און דער א מרביץ תורה אא"וו. א יונגערמאן וואס לערנט אפאר יאר יעדע נאכט עטליכע שעה תורה אומגעשטערט איז נישט קיין ספק אז ער ווערט א תלמיד חכם. מיט די יארן האט זיך געשאפן דורך די ת"ח פון אונזער כולל א בית הוראה ווי מען פסק'נט נויטיגע שאלות וואס מאכן זיך בשעות הלילה.

עכ"פ אבער דעמאלטס איז נישט געווען אזא זאך, און דער מושג איז געווען פרעמד, היינט איז שוין דא אין אמעריקע אין יעדע שטאט א כולל חצות, אבער דעמאלטס איז נישט געווען, און איך האב געוויסט אז דאס טאר זיך בשום אין אופן נישט פארמאכן.

**איז וואס האסטו געטון בנוגע געלט טאקע?**

עס איז דאן געווען אביסל נאך די 08' עקענאמישע קראך, און עס האט זיך נאך געשפירט די נאכווייען דערפון. איך געדענק דעמאלטס בין איך געגאנגען צו מענטשן נאך געלט, און איך האב געכאפט קאלטס און ווארעמס דערוועגן, מענטשן פלעגן מיר פארהאלטן וואס לייגסטו דיך אן אויף



כלל ישראל? און דאס איז גראדע אויך געווען איינע פון די סיבות פארוואס מיר האבן אנגעהויבן זיך ארייננצולייגן אין סגולות און ישועות אלס א מיטל פון אויסהאלטן די כולל, פשוט ווייל איך האב נישט געקענט שאפן קיין געלט. פשוטו כמשמעו. און דאס איז אויסער וואס עס טראגט די נאמען 'כולל' איז מענטשן זענען אפטמאל מער ווארעם פאר טראגעדיעס א יתום אא"וו ווי פאר כוללים.

איז קודם האב איך געטראכט אז זאל זיין וואס זאל זיין, א מוסד דארף טון וואס עס ריכטיג, און האפן אויף סייעתא דשמיא אז מען זאל מצליח זיין. עס איז ביטער שווער. מען דארף האבן אמת'ע בטחון. און אין א געוויסע זין זענען מיר אין א שווערער מצב ווי אנדערע מוסדות ווייל אנדערע מוסודת האבן צומאל רעגירונג פאנדינג, אבער אונז זעמיר א כולל ביינאכט, עפעס וואס דער רעגירונג קען נישט זען אלס א וויכטיגע טייל פון עדיוקעישן... און איך בין פשוט אריינגעטאנצן אין די זאך און געפענט פאר די פרישע זמן.

מעשה שהיה כך היה ממש דעמאלטס איז צוגעקומען צו מיר א יונגערמאן אז ער האט געמאכט א וואכנאכט און עמיצער האט זיך געווערטעלט מיט אים אז אנשטאט בלייבן אויף ביינאכט קען ער געבן געלט פאר כולל חצות.. און דער יונגערמאן האט געהאלטן גלייך נאכן וואכנאכט און ער גיט מיר א צוואנציגער. מיר איז דעמאלטס איינגעפאלן אז איך קען דאס טאקע טון מער אפיציעל און דורכדעם ברענגן אביסל הכנסה פאר די כולל צו קענען באצאלן די יונגעלייט. און עס האט זיך טאקע אויסגעארבעט. דער רבוש"ע האט מיר פשוט געוויזן אז ער איז דא מיט מיר.

**די ערשטע כולל איז געווען אין קרית יואל מיט 14 יונגעלייט. וויאזוי איז עס געגאנגען פון דא ווייטער?**

די צווייטע זמן פונקט האבן מאנסי אינגעלייט אנגעהויבן קומען צום כולל אין קרית יואל און מיט די צייט האבן זיי געבעטן אויב מען קען מאכן נאך א כולל אין מאנסי. און טאקע די דריטע זמן האב איך געעפענט נאך א לאקאציע און דאס איז געווען אין מאנסי. און דער רבוש"ע האט אזוי געפירט אז במשך די קומענדיגע יאר און א האלב האב איך געפענט כוללים אין מירון, און וויליאמבסורג.

**האסט פריער געזאגט אז קיין געלט איז נישט געווען אין די קאסע, איז לכאורה יעצט מיט די עפענונג פון נאך דריי כוללים איז נישט געווען דריי מאל געלט.. ומהיכן ירק זה חי? די איינציגע פלאץ איז געווען פון די וואכנאכטס?**

אה. איז אויך בהשגחה פרטית איז מיר פונקט דעמאלטס איינגעפאלן אז די סיבה פארוואס מענטשן זענען נישט ווארעם צו די זאך, איז צוליב חוסר ידיעה און חוסר ווארעמקייט צום ענין און דעריבער האב איך באשלאסן אז איך וועל ארויסלייגן שטיקלעך זוהר הק' און אזויווי עס האט מיר געמאכט ווארעם וועלן נאך אידן ווערן ווארעם. האב איך טאקע אנגעהויבן ארייינלייגן אין די לאקאלע בלעטלעך שטיקלעך זוהר וואס ער שרייבט די גרויסקייט פון לערנען נאך חצות הלילה וואס דאס ברענגט רבי שמעון ארויס 127

מאל אין זוהר!! און אז דעמאלטס איז די גרעסטע עת רצון צו פועלן ישועות. אבער עס האט זיך נישט אנגעכאפט. די טעלעפאן רופן וואס איך האב ערווארטעט איז נישט אריינגעקומען. וואס איז אבער יא אריינגעקומען זענען געווען רופן פון אידן וואס האבן געוואלט וויסן אז היות ווי איך שרייב די מורא'דיגע סגולה פון אויפשטיין לערנען ביי חצות פון וואו ווייסן זיי טאקע אז עס ארבעט און מען ווערט געהאלפן. ווארשיינליך זענען די ווערטער פון רבי שמעון אין זוהר הק' נישט געווען גענוג פאר אים, ער האט געוואלט הערן קאנקרעט מעשיות. האב איך פונקט געהאט דעמאלטס א איד וואס האט געהאט א צרה ביי זיך אין שטוב, און דער איד פלעגט האבן די מנהג צו קומען דאווענען ביי אונז וותיקין, און ער איז צוגעקומען איין טאג אז ער גיט מיך א סכום געלט אז מען זאל מאכן פאר אים א מי שברך ביי די תורה און אלע חברי הכולל זאלן ענטפערן אמן. וכך היה. יענע טאג האט ער געזען א ישועה שלא כדרך הטבע. האב איך געטראכט, אז אידן ווילן הערן מעשיות וועל איך ארייינשטעלן דער מעשה. און אזויווי מענטשן האבן געזען דעם מעשה האט מען אנגעהויבן אריינרופן. זיי האבן געזען ווי עס העלפט. אבער איך האב נישט געוואלט יעדע וואך לייגן מעשיות, האב איך געלייגט איין וואך א מעשה, און איין וואך א שטיקל זוהר, אן ענין. און איך האב געזען ווייטער אז די וואך וואס איז געווען מעשיות איז אריינגעקומען מער רופן האב איך באשלאסן בלויז צו לייגן מעשיות.

**אמת'ע מעשיות?**

הונדערט פראצענט אמת'ע מעשיות.

**פארוואס האסטו געמוזט עפענען אלע כוללים אויפאיינמאל?**

ס'איז טאקע נישט געגאנגען אויפאיינמאל. קודם איז עס געווען אין מאנסי, זיי האבן געבעטן, דערנאך האט מיר א יונגערמאן געראפן פון וויליאמסבורג אז ער וועט מיר העלפן שאפן געלט אויב איך וועל עפענען א כולל דארט. איך האב געמאכט א מיטונג מיט אים, און איך האב באשלאסן אז איך גיי עס נעמען אויף מיר. איך טראכט יעצט צוריק אויב עס איז געווען א באזעסענע החלטה, מן הסמתא נישט. איך טראכט אסאך מאל אז אויב איך וואלט געהאט היינט די תמימות וואס איך האב דעמאלטס געהאט וואלט איך שוין געהאט כוללים אין די גאנצע וועלט. איך בין אריינגעטאנצן אין זאכן מיט אזא ביטחון אז דער אייבערשטער וועט מיר העלפן.

איך האב געפענט זומער זמן תשע"א די כולל אין קרית יואל, א יאר דריי פערטעל שפעטער חמשה עשר בשבט האט מען געפענט אין מאנסי, און ר"ח אייר אין וויליאמבסורג, און אלול אין מירון.

**וויאזוי איז צושטאנד געקומען דאס עפענען די כולל אין מירון?**

איך האב מיר געמאכט א חשבון, דא אין אמעריקע האבן מיר כוללים באזירט אויפן הייליגן רבי שמעון'ס תורה, די זוהר הק', איז דאך אוודאי אז אין מירון אליינס דארף מען עס מאכן. יעצט, עס איז שוין געווען בעפאר אונז חצות כוללים אין מירון, אבער עס נאכנישט געווען א היימישע

באזעסענע כולל. בין איך אראפגעפארן קיין ארץ ישראל, איך האב ארייינגעלייגט אין די צפת'ער אומגעגענט אן עדווערטייזמענט אז עס עפענט זיך א נייע כולל חצות אויפן קבר פון רבי שמעון אין מירון, און ווער עס וויל זיך איינשרייבן אינעם כולל קען מיר קומען טרעפן יענע און יענע טאג אין א געוויסע שול אין צפת וואס רופט זיך 'הרב קפלן'ס שול'.

**האסט נישט געהאט קיין אנונג וואס עס גייט זיין...**

ממש אזוי. איך בין אליינס אראפגעפארן אהין. עס קען זיך צומאל דאכטן פאר מענטשן אז כולל חצות האט פון אייביג אן געווירקט מיט א גאנצע סאפיסטאקירטע אפעראציע, ווייסעך וואס. איך בין אליינס געגאנגען. א וואך פאר ר"ח אלול. למעשה בין איך אנגעקומען אהין צו דער שול הרב קפלן'ס שול וואס איך האב געשריבן, און איך האב געטראפן א גאנצע שול ווארטן אויף מיר. יעצט, צפת איז א וואוינארט פאר כל מיני מענטשן, און איך האב געזוכט אוועקצושטעלן אן ערנסטן מקום תורה האב איך געמוזט אויסקלויבן די מובחרים שבמובחרים. און איך האב אויפגענומען איין יונגערמאן דארט וואס האט מיר אויסגעקוקט צו זיין א טויגליכער אלס ראש הכולל און אים געגעבן די אויפגאבע צו מסדר זיין א פלאץ אין מירון און נאך לאגיסטישע זאכן און ברוך השם אויף ראש חודש אלול האבן מיר געהאט 11 יונגעלייט, און אויף ראש חודש חשון האבן מיר שוין געהאט א פולשטענדיגע כולל מיט אכצן דערהויבענע בני תורה אין מירון על יד דער קבר פון הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי. און זייט דעמאלטס בליט עס מיט די שענסטע קאלירן. איך הער נישט אויף צו באקומען גריסן פון אידן וואס קומען צום ציון אז זיי זען די ערנסטקייט און די רציניות אין די לופט. נישטא קיין מעשיות. יעדן איינציגן נאכט פון יאר אריינגערעכנט פורים זיצן די חברי הכולל פארטיפט אין לימוד התורה. הגאון הצדיק רבי יחזקאל ראטה זצ"ל פלעגט שטארק ליב האבן צו גיין באזוכן אין כולל ווען ער פלעגט דארט זיין. און נאך פילע רבנים און גדולי ישראל. עס איז אין א פובליק פלאץ. מען קען קיינעם נישט פאפן. מען קען קיינעם נישט איינרעדן. קענסט אליין גיין זען מיט די אייגענע אויגן די מראה הוד. אין א געוויסע זין גראדע איז א פובליק פלאץ א שווערערע זאך פאר די כולל, איבערהויפט פאר די כולל יונגעלייט, ווייל עס מאכט זיך אייביג בני משפחה פון די כולל אינגעלייט וואס קומען פון ירושלים אדער בני ברק צום ציון אין מירון און זיי פרייען זיך צו טרעפן זייער שוואגער, ברודער אא"וו זיצן און הארעווענען אין לערנען דארט, אבער פון די אנדערע זייט איז עס שווער פאר דער חבר הכולל ווייל ער קען געשטערט ווערן זייער אפט. אויך איז עס איז שווער גשמיות'ידג, ווייל היינט איז ז' אדר מארגן איז ל"ג בעמור און מען דארף קענען זיך ספראווענען מיט די כסדר'דיגע געשעענישן דארט. אזוי אויך פלעגט נישט אין מירון זיין צו געפונען קיין געהעריגע ספרי קודש אויסער סידורים חומשים און תהילים. נישט געווען קיין געהעריגע סופליי פון ש"ס'ן און ספרי ראשונים אחרונים אא"וו. און ב"ה מיר

האבן דאס אריינברענגט. און היינט אז איינער וויל לערנען עפעס אינמיטן די נאכט אין מירון ווייסט ער וואו צו גיין זוכן. ביי אונז אין כולל ממש נעבן די מערה.

**איך בין באאיינדרוקט סיי פון דעם איז דו האסט באוויזן צו ברענגן א נייע זאך צום טיש און איבערהויפט דאס אז דו האסט געהאט די קוראדזש דאס צו טון ווען דו ביסט אלט געווען עטליכע אין צוואנציג יאר... דו ביסט געווען אייביג אן אויפטוער?**

המממ.. איז אזוי, איך פאררוף מיך נישט אלס אויפטוער נאר איך בין א סארט מענטש אז איך זע זאכן אנדערש פון אנדערע אסאך מאל. איך זע די פנימיות אין אן ענין. גרונטליך. איך דריי מיך ביי ערליכע אידן, און אין ארץ ישראל האט מיר זייער געכאכפט אז מען לעבט מיטן אייבערשטן. און אז איך האלט אז א זאך איז ריכטיג וועל איך אריינשפרינגן דערין, אפגעזען אויב מענטשן האבן עס שוין געטון פאר דעם אדער נישט. למשל, איך בין געווען פון די גרינדער פון די 'גדר' פילטער. עס איז געווען מיין געדאנק אז די סאטמארער קהילה מוז האבן א פילטער. איך האב אריינגעשלעפט דערינען אנדערע און מיר האבן עס געמאכט. זיי האבן אפילו געוואלט אנהויב אז איך זאל פירן די גאנצע אפעראציע פון גדר.

**וואס דו מיינסט צו זאגן איז אז דו ביסט נישט אזוי ווייט אן אויפטוער ווי א מענטש וואס ווען דו זעסט אז עפעס פעלט און די וועלט נויטיגט זיך דערינען וועסטו גיין אין די לענג און אין די ברייט עס זאל צושטאנד קומען...**

עפעס אזוי... און אויך אז איך זע זאכן וואס אנדערע פארזען. און אויך אז איך וועל נישט זיין רואיג ביז ווען עס וועט געשען. דאס איז שוין א פראבלעם מיינער.. אז איך האלט עס נישט אויס. ווען איך זע עפעס איז נישט גוט גיט עס מיר נישט קיין מנוחה. איך פיל ווי עס ברענט אין מיר א פייער דאס צו פאררעכטן. און דאס איז צו פארדאנקן אז איך בין געבוירן און אויפגעוואקסן אינעם דרך הקדושה פון רבינו הרה"ק מסאטמאר זי"ע און אין די קולטור האב איך זיך געווייקט אלע מיינע יארן. כידוע וועט א סאטמארער איד נישט ח"ו אוועק מאכן אנדערע, נאר ביי זיי וועט דאס ברענען מער און זיי וועלן זען צו טון עפעס למעשה.

**איך וואלט עס אנדערש געזאגט, ביי יעדן ברענט עס, דער סאטמארער חסיד וועט צומאל האבן די שטערקערע קאנפידענץ עס צו טון למעשה. מען טוט.**

יא. דעם קולטור האב איך.

**און ווען עס איז געקומען צו מאכן א כולל חצות האסטו דאס גענוצט און געטון למעשה, אין די צייט וואס אנדערע זענען געבליבן ביים טראכטן..**

איך פרוביר צו טון וואס איך פיל אז דער אייבערשטער וויל. וואס איז ריכטיג.

דער אמת איז איך זאג אלעמאל, מען רופט דער וועלט די ערשטע זיבעציג, ווייל הערשט נאכדעם קומט דער אמת'ע לעבן אויף יענע וועלט. יעדער טוט זיך זיין זאך אויף די ערשטע זיבעציג, עשירים זענען פארנומען מיט ביזנעס אא"וו, יעצט אויב א איד נוצט אויס זיין געלט אויסצוהאלטן תורה און אויף צו שטיצן עניים דעמאלטס איז דאס א הערליכע זאך, אבער אויב נישט, וואס האסטו געטון אויף די וועלט? ב"ה מיר האבן געהאט די זכיה צו בויען 5 כוללים, 90 יונגעלייט שטייען אויף ביי חצות און טונקן זיך אין די אקעאנען פון תורה. וזה חלקי מכל עמלי. און אז דו ווילסט עס אנקוקן מער פון א גשמיות'דיגע פערספעקטיוו איז דא א ווארט, בוי עפעס וואס גייט דיר איבערלעבן. איך טראכט אלעמאל אז לאחר מאה ועשרים וועל איך האב די זכיה אז כולל חצות וועט ווייטער אנגיין. דאס גיט מיר א מורא'דיגע הנאה און סיפוק הנפש. **עס איז א גוטע געפיל. איך בין דיר מקנא אביסל.**

דער אמת איז אז איך פיל נישט אלעמאל דערהויבן. אזויווי יעדע מצוה וואס מען טוט 'פילט' מען נישט אייביג. דעם ברען הלואי יא. אבער א מענטש איז נאר א מענטש.

מיין מאמע זאגט מיר אלעמאל אז ווען איך וואלט געווען א ביזנעסמאן וואלט איך זיכער געווען א מיליאנער. אבער דער אמת איז אז כולל חצות האט א בודזשעט פון איבער צוויי מיליאן דאלער א יאר. איז אין א געוויסע זין פיר איך טאקע א מולטי מיליאן דאלערדיגע אפעראציע. נאר נישט קיין ביזנעס. דאס איז די איינציגע חילוק. נישטא קיין טראפ פראפיט. אלעס גייט פאר די אינגעלייט די חברי הכולל. עס איז ווי סיי וועלכע מצוה.

**ס'איז באקאנט אז דער אגלי טל אין די הקדמה שרייבט אז די הנאה וואס מען האט ביים לערנען תורה טאקע דאס איז תורה לשמה, דעריבער איז זיכער דא א צד צו זאגן אז א מענטש מעג הנאה האבן פון טון א מצוה און זיין שטאלץ דערמיט, און עס איז קלאר אז זיין שטאלץ פון טון א גוטע זאך מאטיווירט א מענטש...**

איך האב נישט געמיינט צו זאגן אז איך בין נישט שטאלץ מיט מיין אונטערנעמונג. אוודאי פיל איך שטאלץ דערמיט. איך מיין צו זאגן אז איך פיל נישט אייביג אז איך האב א חלק אין די לימוד התורה פון 90 תלמידי חכמים יעדע נאכט. ליידער אזויווי אלע מצוות.

איך וויל דיר זאגן נאך עפעס, מענטשן פרעגן מיר זייער אפט "וויאזוי האסטו געפענט כולל חצות?".. .אא"וו,

**ווי אפט באקומסטו אזעלכע שאלות?**

זייער אפט. און עס איז מיר שווער צו ענטפערן דערויף ווייל איך ווייס אז נאכדעם וועט נאכפאלגן צוויי שאלות. איינס איז "וואף.. וויאזוי האסטו עס געמאכט?" וואס אויף דעם האב איך נישט דעם תירוץ אויף איין פיס, נאר עס פעלט זיך אויס אזא שמועס וואס מיר האבן יעצט. און די צווייטע קשיא וואס ער גייט מיר פרעגן "ווען גייסטו שלאפן יעדע נאכט?" איז, איך פרעג נישט ווען דו גייסט שלאפן, און דו פרעג מיך נישט..

**אבער איר זענט דאך אין די ביזנעס פון יא שלאפן אדער נישט שלאפן.... דעריבער אפשר וועגן דעם פרעגט מען אייך.**

[לאכט גוטמוטיג] פארשטייט זיך אז דאס איז נאר געווען בדרך הלצה.

צו זיין ערנסט, דער שאלה האט נישט קיין תירוץ. ווייל אזוי ווי איך האב דיר פריער געזאגט, איך קען בכלל נישט זאגן אז איך האב געהאט א וויזיע אויף עפעס גרויס. דער אייבערשטער האט מיר פשוט אויסגעקליבן צו זיין א שליח צו ברענגן דעם געדאנק צום טיש. איך האב אריינגעלייגט איבערמידליכע כוחות דאס אויפצושטעלן. מיין אייגן געלט האב איך אריינגעלייגט. אלעס וואלט געקענט גיין קראכן ווי מען זאגט איך האב נישט געזען קיין שום עתיד קלאר, נאר עס האט מיר באגלייט א סייעתא דשמיא און דער געדאנק וואס איז מיר בייגעפאלן צו מאכן א כולל חצות אין אמעריקע האט געהאט די זכיה צו טוישן די גאנצע בליק וואס מען האט היינט אויף אויפשטיין ביי חצות אין די וועלט און צוריקברענגן די ערשטע דריי סימנים אין שו"ע צום לעבן, און איך האלט אויך אז כולל חצות האט אריינגעברענגט אין מענטשן, איבערהויפט אין חוץ לארץ א נייע ווינט צו מתפלל זיין. פשוטו כמשמעו.ווען איך האב אנגעהויבן כולל חצות איז נאכנישט געווען ריבניץ און נאך אנדערע. די גאנצע מושג פון בעטן ביי קברי צדיקים וכדו' איז נישט געווען קיין זאך וואס מען האט געטון אויף א מאסן פארנעם. ביים הייליגן רביניצער פלעגן קומען אידן יעדן טאג, אבער ווייט נישט אזויפיל ווי היינט אבער ביי אנדערע צדיקים האט מען נישט קיין מענטשן.

אין ארץ ישראל איז אייביג געווען אזא זאך ווי אז א מענטש האט א צרה, דאווענט ער. ער פארט צו רבי שמעון, ער פארט אויף יענע קבר און צו אן אנדערע קבר. איך געדענק ווען איך האב חתונה געהאט, איך האב געוואוינט אין קרית יואל האב איך געטראכט אז איך וועל גיין אין די סליחות טעג צום קבר פון הייליגן רבין זי"ע, אבער עס איז געווען ממש ליידיג, און איך האב מיך ממש געוואונדערט אויף דעם. אין ארץ ישראל וואלט אזא מקום קדוש געטומעלט שטענדיג מיט אידן. אבער ס'נישט געווען אזא סארט זאך דעמאלטס אין אמעריקע. די גאנצע זאך אז א מענטש האט צרה, גיי צו א קבר פון א צדיק טו עפעס א גוטע זאך, גיב צדקה, אא"וו. נישט אויף אזא מאסשטאבליכן פארנעם ווי היינט.

איך וועל דיר זאגן נאכמער, אין אנהויב ווען איך האב געפענט כולל חצות האב איך גערופן א באקאנטע היימישע סאפטווער דעוועלאפּוועיר פירמע וואס מאכט פראגראמען פאר אלע היימישע מוסדות און אים געפרעגט אויב ער האט א סארט פראגראם וואס איך קען האלטן חשבון אויף וויפיל טעג עס איז שוין אדורך זינט דער מענטש האט זיך ארויפגעסיינט אז מען זאל דאווענען אא"וו, האט ער נישט געוויסט פון וואס איך רעד דערפון. מען האט קיינמאל נישט בעפאר געטראכט דערפון דא אין אמעריקע, עכ"פ נישט אויף אזוי ווייט למעשה. היינט צו טאג האט שוין יעדע מוסד אזא פראגראם. יעדע מוסד פראקלאמירט צו מתפלל זיין. עס איז גאר א גוטע זאך, איך זאג נאר אז דעמאלטס איידער איך האב געפענט כולל חצות האב איך געפילט אז עס איז נישטא אזא זאך דא. **למעשה, האט מען אביסל ביליג געמאכט דאס דאווענען, אויב מען מעג זאגן, עס איז געווארן א מיטל פון אדווערטייזמענט...**



קודם כל וואס הייסט ביליג געמאכט דאס דאווענען? ס'דא א ווארט פון אור החיים הקדוש, ס'שטייט צוויי מענטשן וואס האבן נישט זוכה געווען צו עולם הבא. בלעם און אחיתופל. פרעגט דער אור החיים הקדוש, מילא אחיתופל איז א איד קומט בכלל אריין דער נידון צו ער קען זוכה זיין צו עולם הבא, אבער בלעם? וואו קומט אריין אזא הוה אמינא? עולם הבא? זאג ער אז בלעם בעפאר ער איז געשטארבן האט ער געזאגט "תמות נפשי מות ישרים", ער זאל שטארבן ווי איד און ס'נישטא אזא זאך אז א תפילה ווערט פארלוירן. וויבאלד בלעם האט זיך געפענט דאס מויל צום אויבערשטען מוז שוין ווערן א הוה אמינא פון עולם הבא. עכ"פ זעט אז נישטא אזא זאך 'ביליג געמאכט' דאווענען. דאווענען צום אויבערשטן איז אייביג גוט.

נאר א מענטש דארף האבן שכל וואו צו געבן זיין געלט. ס'איז א מחלוקת אין מגן אברהם וועלכע איז א גרעסערע עת רצון, ביי חצות אדער ביי וותיקין, מאכט דער מג"א א פשרה אז ביי חצות זאל מען דאווענען פאר צרות הכלל און וויתקין זאל מען דאווענען אויף די אייגענע צרות. און ב"ה מיר אין כולל חצות האבן ביידע, סיי ביי חצות און סיי ביי וותיקין. אמאל א איד גייט אריין צו א צדיק אז ער זאל דאווענען פאר אים בעת צר, איז דאס אן איינמאליגע זאך ווייל דער צדיק האט פיל אויף זיינע פלייצעס און עס איז אים שווער אינזין צו האבן יעדן טאג דעם איד, דא האסטו 18 חשבוע מובחרים שבמובחרים חשובע אינגעלייט, זיי דאווענען נישט פאר דיר נאר איין טאג, נאר יעדן איינציגן טאג. זיי קענען די נעמען זיי האבן דיר באמת אינזין. מיין חברותא אין כולל איז לעצטענס צוגעקומען צו מיר זאגן אז א געוויסע איד לעבט שוין נעבעך נישט און מען דארף אים אראפנעמען פון די ליסטע פאר וועמען צו מתפלל זיין. זיי קענען די נעמען, זיי מורמלען נישט סתם אונטער א נאמען און גיין ווייטער. זיי קאנעקטן צו עס.

**וואס איז דיין פאזיציע היינט אין כולל חצות?**

שמירן די רעדער איך בין דער מענטש וואס איז אחריות אויף אלעם. זיכער מאכן אז אלעס קלאפט, אננעמען יונגעלייט, אא"וו. זיכער מאכן אז אלע כוללים האבן וואס זיי דארפן אז די אפיס קלאפט שאפן געלט דעקן די באנק, דא דארף מען מאכן א מסיבה פאר די פרויען, דא דארף מען מאכן א מסיבה פאר די מענער און וואס נישט.

**האסט דערמאנט א מסיבה פאר די פרויען, וואלסט געקענט מסביר זיין מער דערוועגן?**

עס איז איינגעפירט ביי אונז אז איינמאל אדער צוויי מאל א יאר מאכט מען א מסיבה פאר אלע פרויען, ווייבער פון חברי הכולל.

**וואס איז די תכלית דערפון?**

זייער פשוט. דער אשת חיל פון א חבר הכולל פון כולל חצות איז מקריב פון זיך און גיט אוועק אסאך פון זיך און פון אירע רעכטן. דער אמת איז אז מיר נעמען נישט אן אין כולל אן די ווייבס הסכמה. זי דארף אונטערשרייבן. אבער אפילו זי איז מסכים בעפאר ווען זי הייבט אן זען באמת די מציאות אז איר מאן גייט שלאפן יעדע נאכט אכט א זייגער און שטייט אויף ביי חצות, קען איר ווערן שווער. דארפסט פארשטיין, דער אינגערמאן קומט אין כולל און ס'איז אים געשמאק, ער קוועלט און איז זיך משתעשע אין די טיפענישן פון תורה, אבער די פרוי זיינע זי בלייבט למעשה אליינס אינדערהיים מיט די קינדער. עס איז טאקע איינגעפירט אז יעדע כולל מוז האבן לכה"פ עטליכע סעלפאונס, אז על כל צרה שלא תבוא זאלן די ווייבער קענען רופן, אויב דער מאן האט נישט זיין אייגענעם סעלפאן. אזוי אויך מאכן מיר זיכער אז די פלאץ וואו דער כולל איז זאל האבן גוטע סעלפאן סערוויס, און אויב עס איז נישטא, א שטייגער ווי א בעיסמענט, לייגן מיר אריין א ספעציעלע סערוויס מאשינקע.

יעצט, פארשטייט זיך אז מען רעדט נישט דא פון קיין פשוט'ע ווייבער נאר פרויען מיט העכערע השגות, וואס האבן די זכיה צו קענען אפשאצן די זכות וואס זיי האבן מיט שטיצן זייער מאן אין דעם הייליגן אונטערנעמונג אבער נאך אלעם איז זי א מענטש, און זי מוז באקומען א 'בוסט' ווי מען רופט עס. אז זי באקענט זיך מיט די אנדערע נשים וואס זענען אין דעם זעלבן אונטערנעמונג, איז איר עס גרינגער און זי שפירט וויניגער אליינס.

אגב, די פרויען מסיבה מאכן מיר דוקא אינמיטן זמן און נישט אנהויב זמן, ווייל עס גיט אריין א בוסט אין די מענער אויך. נאך יעדע מסיבה זען מיר נאכאמאל די זעלבע בילד, נעמליך א פרישקייט אין די מענער זעלבסט. ווארשיינליך מוטיגט זיי עס צו זען ווי זייערע ווייבער זענען אחד בלב אין דעם.




די לומדי תורה ביים אדורכפירן דעם "סדר הקטורת"

**וואס נאך טוט כולל חצות חוץ פון לערנען?**

קודם האבן אונז דער בית הוראה, נאכדעם שטעלט צו פאר כלל ישראל די קומענדיגע דור פון גדולי ישראל, עס איז א פינף שעה וואס מען קען נישט האבן אנדערש וואו, און אז מען נוצט עס אויף לימוד התורה פארזיכערט עס א קיום פאר תורה וואס מען טרעפט נישט ערגעץ אנדערש. און אויסער דעם טון מיר די עטליכע הייליגע סגולות. פון די שטארק באקאנטע איז די קטורת סגולה.

**אויב איך מעג פרעגן, איך האב א באקאנטער מיינער וואס האט לעצטענס געמאכט ביי ענק די 'קטורת סגולה', איך הער אז עס א היבש דראמאטישע פראצעדור, קענסט מיר אביסל דערציילן איבער דעם?**

דאס ווערט אפגעראכטן דורך דערהויבענע אינגעלייט אויפן וועג וויאזוי דער הייליגער אר"י ברענגט עס אראפ. דער אר"י שרייבט אז צו טון דער סגולה איז מעביר מיתה מן העולם און 'יעשה רושם גדול למעלה'. דאס זענען נישט קיין סתם ווערטער, דאס שרייבט דער הייליגער אר"י אליינס. יעצט, די פראצעדור איז פאר עמיצער וואס זעט דאס די ערשטע מאל אביסל דראמאטיש אויב מען מעג זאגן. דער אר"י הקדוש שרייבט אין שער הכוונות אז מען זאל צוזאמענעמען א מנין פון תלמידי חכמים נאך חצות הלילה און זאגן די פיטום הקטורת מיט א שטארקע כוונה. מען זאגט די ווערטער פארקערט ווי נארמאל. יעדע למשל דאס ווארט וידבר זאגט מען רבדיו אא"וו.

דאס איז ח"ו נישט קיין אויפגעמאכטע זאכן, דאס איז געגוי וואס דער אר"י הקדוש שרייבט. און אזוי טון מיר טאקע. איז דעריבער די דאזיגע חלק פון זאגן פארקערט די ווערטער מאכט עס אביסל דראמאטיש.

**ווי אפט ווערט דאס אפגעראכטן?**

יעדע וואך ווערט אפגעראכטן אין כולל חצות דעם קטורת סגולה. יעדע וואך אין אן אנדערער לאקאציע.

**איז דא נאך סגולות וואס כולל חצות רעכט אפ?**

יא. עס איז דא די פדיון הרש"ש און די בן איש חי סגולה. די פדיון הרש"ש ווערט געברענגט פון רבי חיים וויטאל. עס נעמט אראפ אלע דינים פון די מענטש און ברענגט צוריק דעם צלם אלוקים, מען זעט ממש מופתים. די פדיון ווערט געמאכט מיט הונדערט זעכציג ריין זילבערנע מטבעות.

**פון וואנעט נעמט מען עכט זילבערנע מטבעות?**

אלע מטבעות וואס מען פלעגט מאכן בעפאר 1964 למס' איז געמאכט מיט עכט זילבער.

**און וואס איז די בן איש חי סגולה?**

די בן איש חי סגולה איז וואס דער בן איש ◄

חי שרייבט אז אלס א סגולה פאר קינדערלאזע פארפעלקער צו שטיצן בני תורה וואס שטייען אויף צו חצות און פראווענען א גאנצע נאכט מיט לימוד התורה.

דערנאך איז דא נאך סגולות ווי דאס לערנען פורים ביינאכט א גאנצע נאכט איןביידע זייטן פון די וועלט. קודם אין ארץ ישראל און דערנאך אין אמעריקע. דאס הייסט רונדע דעם זייגער.

נאך א סגולה איז דא, דאס וואס שטייט אז מען זאל אויפבלייבן א גאנצע נאכט ווען א מענטש ווערט צוואנציג יאר צוליב דאס ווערן א בר עונשין. ווערט געברענגט אז מען קען אנשטאט אויף זיין ביינאכט אויסהאלטן תלמידי חכמים וואס לערנען די גאנצע נאכט. און ביי אונז אין כולל חצות קען מען האבן די זעלטענע זכיה אויסצוהאלטן 12 שעה תורה צווישן אמעריקע און ארץ ישראל, ווייל ווען אין ארץ ישראל דאווענט מען וותיקין הייבט מען אן אין אמעריקע חצות. נישטא קיין גרעסערע זכות פאר מענטש ווי דעם.

**פארוואס האט מען אויסגעקליבן די סגולות און נישט אנדערע? כ'מיין ס'דאך פארהאן א וועלט פון סגולות..**

מיר קאנצעטרירן זיך בעיקר אויף מקובל'דיגע סגולות וואס האבן שייכות דוקא מיט חצות.

**האסט פריער דערמאנט פון די ישועות וואס מען זעט, דערצייל מיר..**

דער אמת איז אז צו דערציילן ישועות וואס מען זעט וועט מען דארפן אנפילן גאנצעטע בלעטער און הזמן יכלו והם לא יכלו. אבער אז דו ווילסט הערן א מעשה וואס איז ממש יעצט געשען וועל איך דיר דערציילן. ס'דא א איד פון איינע פון די סטעיטס וואס האט אריינגערופן ביי אונז אין אפיס זיך מזכיר זיין זוכה צו זיין צו א בן זכר. ער האט געוואלט א ישׂשכר זבולן שותפות מיט די כולל אין מירון. יעצט, אזא שותפות קאסט טויזנט דאלער א חודש, און דער איד האט דאס נישט געקענט באצאלן האט ער זיך אונטערגענומען רוב דערפון און די איבריגע האט ער צוזאמגעשטעלט פון זיינע חברים און משפחה. דאס איז געווען פונקט א יאר צוריק. און היינט, היום יום וואס מיר רעדן יעצט איז אונזער חשובער מיטארבעטער הרב אהרן בר חורין אראפגעפארן צום ברית פונעם קינד! פארשטייט זיך אז ויקרא שמו בישראל פארן קינד שמעון. און דאס איז אחד מיני אלף.

**וויפיל יונגעלייט דרייען זיך אדורך דעם כולל?**

עס קומען אריין אסאך יונגעלייט, רוב פאלן ארויס, אבער די קליינע פראצענט וואס בלייבט איבער זיי בלייבן צוגעבינדן בקשר חזק צום פלאץ. בעצם, יעדע אינגערמאן וואס ווערט אנגענומען גייט אדורך א גרונטליכע אריינבליק, און מען נעמט נישט אן גרינג, דער ראש הכולל פון יעדע כולל מוז זיך גוט נאכפרעגן אויף אים, און אים אליינס אויספרעגן איבער זיינע פלענער, מאטיוואציע, און בעיקר וואס איז זיין פלאן מיטן גיין שלאפן, יעדע יונגערמאן מוז האבן א קלארע מהלך וויאזוי ער גייט דעקן די שעות שלאף וואס ער האט נישט ביינאכט, אבער אפילו אזוי נאך אלעם האלט עס נישט אן ביי רוב יונגעלייט ווייל עס איז גאר א שווערע אונטערנעמונג. מען מוז באמת ובתמים האלטן דערביי. נישטא קיין געפאפטע מעשיות.

מען קען עס נישט טון האלבוועגס. איך וועל דיר זאגן, ס'דא אינגעלייט וואס בעצם במצדם פארט די זאך פיין, נאר היות ווי זיי קומען פון גרויסע פאמיליעס, מיט צען געשוויסטער פון יעדע זייט, האט מען צווישן א וואכנאכט און א חתונה נישט קיין סאך ליידיגע נעכט, און עס ארבעט זיך נישט אויס פאר זיי אזויפיל צו פעלן פון שמחות און דעריבער דארפן זיי דאס אויפגעבן. א חבר הכולל ביי אונז איז א מסירות נפש איד. ער גיט באמת אויף פילע באקוועמליכקייטן אריינגערעכנט גיין צו שמחות.

**טוט עס נישט וויי פאר די בעלי שמחה אז דער חבר הכולל מאכט זיך כאילו נישט וויסענדיג פון די שמחה?**

איך וועל דיר זאגן, קודם כל זיי מאכן זיך יא וויסענדיג, טייל גייען פרי ביי די קבלת פנים און טייל גייען ביי די מצוה טאנץ. אני הקטן בין שוין עטליכע מאל געגאנגען צו שמחות פון גוטע פריינט ביי די מצוה טאנץ, שוין נאכן אויפשטיין. און אפילו ער פארפאסט יא די שמחה, נארמאל וועט א אינגערמאן מאכט א טעלעפאן קאל די נעקסטע אינדערפרי און זיך אנטשולדיגן ווי שטארק ער וואלט געוואלט קומען. אבער ווען עס קומט צו א געשוויסטער וואס מאכן חתונה וועלן די חברי הכולל טאקע יא זיין דארט אינגאנצן, און נאך די חתונה אדער אריינקומען פאר די איבריגע חלק פון די נאכט אין כולל, אדער פארפאסן יענע נאכט אין כולל. אזוי צו אזוי דארפן די אינגעלייט באמת טוישן די לעבנסשטייגער פון ביז היינט. עס איז א פולקאמע טויש.

**עס קומען אריין יעדע זמן נייע אינגעלייט אין כולל?**

אונז האבן א נומער פון 18 יונגעלייט פער כולל. דאס איז אונזער ציל.

**וואס איז פשט פונעם נומער 18?**

די סיבה דערצו איז אז עס דארף זיין א מנין. די גמרא מגילה זאגט דער אייבערשטער קומט אין בית מדרש און זעט אז עס איז נישטא קיין מנין מיד כועס. עס דארף זיין מנין. כדי צו פארזיכערן א מנין א גאנצן צייט במשך די צייט דארף מען האבן צוויי מנינים. פראקטיש גערעדט. אמאל פעלט דער און אמאל פעלט יענער.

יעצט, עס איז דא כוללים פון אונז וואס מען מוזווארטן א גאנצע יאר צייט ביז מען קען אריינקומען, ביז עס פאלט ארויס איינס און מען קען אים אריינעמען. נישט אלע כוללים, אבער געוויסע.

**דערצייל מיר אביסל וויאזוי גדולי ישראל זענען זיך מתייחס צו כולל חצות..**

קודם כל אין יעדע שטאט וואס מיר האבן געפענט א כולל בין איך קודם געגאנגן צו די רבני העיר צו באקומען שטיצונג. א שטייגער ווי אין בארא פארק איז עס געווען הגה"צ רבי יחזקאל ראטה זצ"ל און להבחל"ח דער ראחמיסטריווקער רבי שליט"א און נאך, אין קרית יואל כ"ק אדמו"ר מהר"א מסאטמאר שליט"א, אין מאנסי הגה"ק מוויזניץ זצ"ל ועוד ועוד, און אלע רבנים פון שטאט אא"וו. אלע זענען געווען גאר ווארעם און עקסטאזיפול צום געדאנק און ארויסגעברענגט וואספארא שמירה דאס וועט זיין פארן שטאט.

צוויי יאר צוריק בין איך געווען אין ארץ ישראל פאר יו"ט שבועות און איך בין דעמאלטס ארומגעגאנגן צו אלע גדולי ישראל. אלע האבן מיר ווארעם אויפגענומען. דער שר התורה הגאון הגדול רבי משה שטערנבוך שליט"א, ראב"ד ירושלים האט מיר דאן געגעבן א הונדערט שקל און מיר געזאגט אז ער וויל ווערן א שותף אין כולל חצות. איך האב נאך אלץ יענע הונדערט שקל באקנאנט מיט מיר. מרן גאב"ד עיה"ק ירושלים שליט"א האט מיר הערליך אנגעווינטשן. אפילו ביים שר התורה הגאון רבי חיים קניבסקי שליט"א בין איך געווען. רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א האט זיך צו מיר אויסגעדרוקט דאן: אז ער האט בקבלה אז ווער עס שטייט אויף ביי חצות קומט צו צו זיין תיקון אויף דער וועלט! מיטן תולדות אהרן רבי'ן שליט"א בין איך געזעסן אויף זיין טאראסע מיט אים און ער האט אזוי שיין ארומגערעדט איבערן ענין פון אויפשטיין ביי חצות.

אז מען רעדט פון די התייחסות פון גדולי ישראל צו כולל חצות איז אינטערעסאנט צו דערמאנען אז עס איז דא קול קורא פון בערך הונדערט יאר צוריק פון די גדולי ירושלים של מעלה ווי הגה"ק מהרי"ץ דושינסקי זצ"ל, הגה"ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל, טעפליקער רב, רבי שלומ'קע זעווילער זצ"ל און נאך ווי זיי רופן די תושבי ירושלים צו שטיצן א געוויסע כולל חצות וואס האט זיך דעמאלטס געפענט און זיי שרייבן דער וואס האלט עס אויס איז אזויווי ער אליינס איז אויפגעשטאנען ביי חצות און געלערנט די גאנצע נאכט!

א שטיק צייט צוריק האבן מיך עטליכע בחורים פארגעשלאגן א געדאנק אז מען זאל אויפשטעלן א כולל חצות אין ירושלים פאר בחורים, מען זאל האבן א מנין מעריב און דאן זיי זאלן לערנען א גאנצע נאכט, און שפעטער זאל מען דאווענען וותיקין. איך בין דאן ארומגעגאנגן צו עטליכע מנהיגי הדור, צווישן זיי דער ירושלימ'ער רב שליט"א, און אלע אן אויסנאם האבן מיר אפגערעדט דערפון.

**פארוואס?**

זיי האבן געטענה'ט אז דאס וועט ברענגן הפקירות. איין גדול האט מיר געזאגט אז דו האסט געלט אויסצוהאלטן אזא כולל צאל טיקעטס פאר אלע בחורים אז זיי זאלן אהיימפארן...

• • •

**לאמיר צוריק קומען קיין מירון צום מירון'ער כולל. איז קודם כל היי יאר וועט דאס פלאץ זיין אפן?**

לויט ווי איך הער וועט עס זיין אפן פאר תושבי ארץ ישראל געהעריג. אבער פאר חוץ לארץ'דיגע בין איך נישט זיכער אויב זיי קענען בכלל אריינקומען אין לאנד. מיט ספעציעלע פערמיטס אפשר.

**וואס איז טאקע געווען במשך די תקופה פון קאראנע? איז די כולל געהעריג אנגעגאנגן?**

ליידער איז געווען עטליכע טעג ווען מיר האבן נישט געקענט האבן אונזער כולל אפן דארט אבער למעשה כולל חצות האט געהאט די זכיה צו


חברת משמורים ותיקון חצות
אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם ה' אלקינו נזכיר
אי לזאת נתעוררו אנשי מעשה הרוצים לזכות את הרבים וכונתם לשם שמים ומצאו לזה תרופה נגונה
ומן הראוי לסייע לאנשים המתעסקים בזה כל אחד כפי יכלתו!

די קול קורא פון בערך הונדערט יאר צוריק



2:45 פארטאגס אין אתרא קדישא מירון. די תלמידי חכמים פונעם כולל זענען עוסק בתורה.

עפענען מירון. עס איז געווען צוויי מאל וואס די גאנצע לאנד אין ארץ ישראל איז געווען אונטער טאטאלע לאקדאון און מירון איז נישט געווען קיין יוצא מן הכלל און איז אויך געווען הערמאטיש פארשלאסן אבער ביידע מאל זענען מיר זענען געווען די וואס זענען געגאנגן פתיחה און געפענט די שערי צדק פון הייליגן שטאט מירון. מעשה שהיה כך היה אין צפת איז דא א פראמינענטע רב הרב דוד זאב רייך שליט"א, דער רב פון צאנזער קלויז אין צפת, מיר האבן די זכיה אז ער לערנט ביי אונז אין כולל, איז געווען איינע פון די עסקנים וואס האבן אים אנגערופן פרעגן היתכן אז אתרא קדישא מירון איז אפגעשפארט און מען הערט נישט די זיסע קול תורה פון די חברי הכולל פון כולל חצות, און דער רב טוט גארנישט דערצו? דער רב האט אים געענטפערט אז ער פארשטייט נישט וויאזוי ער קען לייזן דעם פראבלעם מער ווי סתם א צווייטער. אבער דער עסקן האט נישט נאכגעלאזט און אים געזאגט אז ער מוז טון וואס ער קען צו זיכער מאכן אז דאס הייליג פלאץ איז נישט וויסט און פוסט. האט זיך דער רב גענומען טראכטן דערוועגן, און ער האט זיך פונקט דערמאנט אז ווען מען האט איינגעשוואוירן דעם הויפט פאליציי שעף פון צפת און אומגעגענט האט מען אלס א חשובע רב אין שטאט אים איינגעלאדענט אנטייל צו נעמען און ער האט געטראכט אז ער גייט אים קאלן. וואס האט ער צו פארלירן. ער רופט אים דער פאליציי שעף און צום רב'ס ווינדער האט ער אים געהאט געדענקט און געוויסט פון וועמען מען רעדט דא. יעצט, דער פאליציי שעף איז ליידער נישט שומתומ"צ אבער מגזע הספרדים איז ער, און א תמימות און א געפיל צו מערת רבי שמעון האט ער, האט ער געזאגט פארן רב: קוק אהער, לעגאלערהייט טאר איך אייך נישט אריינלאזן קיינעם יעצט אין מירון אבער וואס איך גיי טון - אף דע רעקארד איז דו רוף מיך אריין יעדן טאג און זאג מיר פונקטליך וועלכע צוויי קארס גייען קומען, זאג מיר די לייסענס פלעיטס פון די קארס, און איך וועל זאגן פאר די חברה דארט אויפן ראדיא אז פאר די צוויי קארס זאלן זיי זיך מאכן ווי בלינד און נישט זען און אריינלאזן. וכך הוה. אבער נישט יעדן טאג האט דאס געארבעט פונקטליך, אמאל האט מען נאר אריינגעלאזט איין קאר און נישט די אנדערע, אבער די יונגעלייט פון אונזער כולל זענען געווען די ערשטע צו עפענען דעם הייליגן ארט. און איינמאל מיר האבן אנגעהויבן זיין דארט איז געווען א בחינה פון פתחו לי פתח כחודו של מחט און אנדערע האבן אויך אנגעהויבן צוריק קומען. די צווייטע מאל וואס מען האט אפגעשפארט האט מען געטון די זעלבע זאך, און עס האט נאכאמאל געארבעט.

**וואספארא מעסעדזש האט דיר דאס געגעבן?**

פאר מיר האט דאס געשפירט ווי א גלעט פון הייליגן תנא רבי שמעון, ווי כאילו ער זאגט מיר, דער הייליגער כולל איז ביי מיר ווי דער שווארץ אפל פון אויג און איך וויל ענק האבן דא מיט מיר. איך קען נישט אן ענק. עס האט מיר געגעבן א געוואלדיגע חיזוק. עס קומט נישט אן גרינג צו האבן א כולל אין מירון ווי כ'האב פריער געזאגט, אבער דא האט אונז רבי שמעון אליינס צוריק גערופן.

**וויפיל צאלט מען די כולל יוגנעלייט אין מירון?**

זיי באקומען באצאלט געווי ווי די אמעריקאנע באקומען. אונז צאל מיר בערך טויזנט דאלער א חודש פאר אן אמעריקאנע חבר הכולל, און דאס איז וויפיל מיר צאלן פאר די מירונ'ע יונגעלייט.

**ס'הייסט אז בעצם פארדינען זיי מער ווי די אמעריקאנער?**

יא, און נישט נאר דאס נאר זיי פארדינען מער ווי סיי וועלכע כולל יונגעלייט אין ארץ ישראל. אין ארץ ישראל צאלט מען זייער ווייניג פאר כולל יונגעלייט. איך וואלט געקענט אויך אזוי טון נאר איך האב נישט געשפירט פאר פאסיג צו צאלן ווייניגער פאר חברי הכולל וואס זיצן על קברו פון הייליגן תנא.

**וואס טוט מען ל"ג בעומר מיט די פלאץ? קען מען ווייטער לערנען אין די זעלבע שטיבל נעבן ציון?**

ניין. מען קען נישט. דעריבער ל"ג בעומר דינגען מיר אפ א הויז אינמיטן דרך הכהנים. מיר מאכן אויך א שיינע קאווע שטיבל דארט מיט מזונות און לחיים פאר אלע געסט וואס ווילן אריינקומען זען מיט די אייגענע אויגן די געוואלדיגע מראה הוד פון אונזער כולל. עס איז א פלאץ צו קומען לערנען דארט פאר סיי וועמען א גאנצן מעת לעת. פיינע עיר קאנדישאן מיט ספרים. שפעטער נאך שחרית מאכן מיר עטליכע חאלאקעס דארט פון די חברי הכולל'ס קינדערליך און מען טאנצט און פרייט זיך בהילולא דבר יוחאי. איך אליין האב געמאכט א חאלאקע פאר צוויי יאר צוריק דארט.

**געסט קומען אריין דורכאויס די נאכט? און וואס איז זייער איינדרוק?**

זייער אסאך חוץ לארץ'דיגע מענטשן קומען אריין און ווערן מורא'דיג נתפעל. עס איז די ערשטע מאל וואס זיי זען מיט די אייגענע אויגן אז כולל חצות איז נישט קיין האקוס פאקוס, נאר א לעגיטימע זאך. נארמאל אינמיטן יאר אין אמעריקע האבן זיי נישט די מעגליכקייט עס צו זען ווייל זיי שלאפן יענע צייט, אבער יעצט קענען זיי דאס זען. אגב איך זאג אייביג פאר יעדע ארבעטער וואס איך נעם אויף זאל קומען ארבעטן אין כולל חצות אז ער זאל גיין אויסטשעקן מיט די אייגענע אויגן די מחזה. ווייל עס איז איין זאך צו הערן, און עס איז א צווייטע און בעצם אומפארגלייכבארע זאך צו זען. און בעצם איז טאקע דאס ווי מען זאגט אונזער דיסעטווענטעדזש, ווייל ווען מענטשן וואלטן געזען וואס עס טוט זיך אפ ביי זיי אין שטאט יעדע נאכט אין די הייליגע כוללים פון כולל חצות וואלטן זיי געקומען צו לויפן אויף אלע פיר צו ווערן א שותף דערמיט.

**געסט אין מירון לאזן איבער נדבות ווען זיי זעען דאס?**

יא. בדרך כלל. זיי פילן אז זיי ווילן זיין א טייל דערפון. ס'דא אמאל וואס שפעטער ווען זיי קומען צוריק קיין אמעריקע רופן זיי אריין אין אפיס און סיינען זיך ארויף צו נעמען א שותפות אין די כולל אין מירון. מענטשן ווערן זייער איבערגענומען דערפון. עס איז די שענסטע זאך וואס קען זיין. א כולל פון יונגעלייט, בני עליה ממש, וואס זיצן על קברו פון הייליגן תנא דורכאויס יעדע נאכט מחצות עד העלות. ■